דוד - הירשן -

א ברויגען אין כשרן פסח (על פי נוסח חדש)

מײַן קודאל

י' ניסן תשנ"ד


רוססלאנדער סאציאלדעמאקראטישע ארבייטער פארטיי.

# הגדה של פסח

על פי נוסח חדש.

הערויסגעגעבען

פון דעם

אלגעמיינעם אידישען ארבייטער־בונד אין רוסלאנד און פוילען.

אפריל 1900 יאהר.

דיעזע בראשיורע איז מיט עטליכע יאהר צוריק געווען הער־רויסגעגעבען אין עמעריטא. אין א פאר ערטער האבען מיר עט־וואס אומגעענדערט.

## בעור חמץ.

מען קומט אהיים פון דער ארבייט ביי נאכט, מען צינד'ט אן א שטיקעל ליכט, מען זוכט אויפ'ן טיש, אין אייוועלע, און אונ־טערן אייוועלע, אויף די פאליצעס און אונטער די פאליצעס, און אין אללע ווינקעלעך, אפשר האט זיך ערגעץ וואו פערוואלגערט א שטיקעל חמץ... צו פערטרייבען דעם הונגער. געפינט מען ניט— נעהמט מען דעם קולאק צוקאפען און מען לייגט זיך שלאפען. געפינט מען צופעליג יא, דאנן זאגט מען „כל חמירא וחמיעא דאיכא ברשותי" און מען עססט דאס אויף בנשימה אחת ווי די עשרת בני המן, אז עס בלייבט ניט איבער א פיצל, און דאנן זאגט מען:

**הא לחמא עניא,** אט אזוי עססט מען און אזוי ווערט מען פערשווארצט אויף דער וועלט. דעם גאנצען טאג הארעוועט מען און אז מען קומט ביי נאכט צו הויז, איז ניטא וואס אובער צו בייר סען. די ווייב שלאפט. די קינדער שלאפען: האבען זיי שוין געגעסען? ווער ווייס? געפינט מען עפיס אין אייוועלע—איז דאס עססען קאלט און איבערגעשטאנען—נור א בויך־ווייטאג, אך־אך... השתא הכא, איצטער האלט דאס אזוי ווייט, לשנה הבאה—ווייס דער טייוועל ווי עס וועט זיין...

(כאן הבן שואל)

**מה נשתנה,** טאטע, איך וועל ביי דיר פרעגען פיער קשיות: מיט וואס זיינען מיר ערגער פון שמואל דעם

פאבריקאנט, פון מאיר דעם באנקיר, פון זרח דעם מלוה, פון ר' טודרוס דעם רב?

ווי טהוען גאר ניט און האבען צו עססען און צו טרינקען, סיי ביי טאג, סיי ביי נאכט, חאטש הונדערט מאל; און מיר האַרעווען מיט אללע אונזערע כחות דעם גאנצען טאג, און ביי נאכט האבען מיר ניט צו עססען אפילו איין מאל אויך ניט?

ווי האבען גרויסע פאלאצען, אויסגעפוצט און איינגעריכטעט מיט אללע ווינאַרעס, פיעל שיינע צימערן שטעהען גאר ביי ווי ליידיג, און מיר ליגען צוזאממענגעשטיקט אין א לאך און מען וויל אונז פון דאנען אויך ארויסווארפען?

ווי טהוען גאר ניט און טראגען די טייערסטע קליידער, און מיר הארעווען ווי אקסען און האבען ניט א העמד ביים לייב?

ווי עססען אב א גוטען מיטטאג, טרינקען א גוטע גלאז ווין און לייגען זיך שלאפען אין א ווייכע, ווארעמע בעט, און מיר זיינען „כלנו מסובין"—מיר שפארען זיך נור צו צו א ווינקעלע אויף א סיעניק פון שטרוי, כדי מיר זאללען באלד ווידער אויפשטעהן צו דער ארבייט.

טאטע ענטפער מיר א תירוץ אויף אללע פיער קשיות!

(דער טאטע פעטראכט זיך א ווײלע, קראצט זיך די פאטילניצע, און דערנאך ענטפערט ער):

דער תירוץ, מיין קינד, איז אזוי:

**עבדים היינו לפרעה במצרים**, קנעכט, שקלאפען זיינען מיר געווען ביי פרעה'ן אין מצרים, און האבען געקנאטען ליים, געברענט ציגעל, געבוידט שטעדט, און געהארעוועט ווי אקסען. דאמאלס אבער האבען מיר נאך געהאט א גאט, וואס האט מיטלייד געהאט מיט די אונגליקליכע, האט ער אונז דורך' געוואלט בעפרייט פון בעה קנעכטשאפט; היינט אבער... היינט האלט גאט מיט די



רייכע, נור ווי אלליין האבען א גאט, דען אום א גאט צו האבען מוז מען בעצאהלען געלד, און פון וואנען זאללען מיר, נארעמע ארבייטער, נעהמען געלד? היינט קאננען מיר אויף גאט ניט האפען, אז ער זאלל אונז בעפרייען, היינט האבען מיר אויף זיך טויזענדער פרעה'ס, וועלכע מאטערען אונז, וועלכע נעהמען פון אונז ארויס אונזערע כחות און צו וועלכע מיר זיינען פערקויפט „אנו ובנינו ובני בנינו". מיר דארפען זיך איצטער דערמאנען מיט ליעבע און ווערגניגען אן „יציאת מצרים מבית עבדים" און הייבען ארום דעם ווי טאג אזוי נאכט און דערצעהלען צו אונזערע קינדער און קינדס־קינדער, „וכל המרבה לספר הרי זה משובח".

מעשה בר' שמואל דעם פאבריקאנט, בר' שמאי דעם באנקיר, בר' זרח דעם מלוה, בר' טודרוס דעם רב, ווי האבען אללע שיינע מענשעלעך זיצען זיך צוזאממען, טרינקען זיך א גלעזעלע גוטע ווין און קלערען אויך ארום „יציאת מצרים" ... מעשה אבער מוטען פראסטען פשט געפעלט ווי גאר ניט. ... זאגען ווי קנעכט מאכען א בונט און בעפרייען זיך וואס איז דאס פאר א יושר גלאט סתם בונטעווען זיך! וואו וועלען מיר העון אין דער וועלט אהין קומען? ניין, דער פראסטער פשט טויג דא פאר אונז גאר ניט, מיר מוזען זוכען אן אנדער דרש: מיר מוזען זיך קויט ניט געבען דיזען פראסטען פשט צו פערשטעהן. דעמסטמאל שטעלט זיך אוועק ר' שמואל און הדרשנ'ט: „כל ימי חייך—הכילות", דיין גאנצעס לעבען זאלל נור זיין ביי נאכט, ביי טאג אבער זאללסטו זיין מיינער, מיין קנעכט, מיין שקלאפע, זאללסט ביי מיר ארבייטען אין פאבריק און פערשווארצט ווערען. בר' טודרוס דער רב שטעלט זיך אנידער, פערגלאנצט די אויגען צום הימעל, און זאגט: „כל ימי חייך—להביא לימות המשיח", ארבייט נארעלע, הארעווע, ווער פערשווארצט, הערפאר אז משיח וועט קומען, וועט דיר זיין גוט, דו וועסט האבען א ליכטיגען גן־עדן; אבער „וחכמים אומרים",

די אמת'ע קלוגע מענשען קומען און זאגען: „ימי חייך — העולם הזה", דער מענש לעבט נור איינמאל אויף דיזער וועלט, און דאס לעבען דארף ער געניסען און וויסען, אז ער איז פריי. „למען תזכור את יום צאתך מארץ מצרים כל ימי חייך", דו זאללסט געדיינקען אז דו האסט זיך שוין לאנג בעפרייט פון קנעכטשאפט און דארפסט לעבען א מענשליכעס לעבען.

ברוך המקום, געבענשט זאלל זיין דער ארט און געבענטש זאלל זיין די צייט וואס האבען אונז געגעבען אט דיזע קלוגע און וואהרע מענשען, וועלכע עפענען אויף אונזערע אויגען. „כנגד ארבעה בנים דברה תורה", עס האנדעלט זיך אום פיער סארטען מענשען, אום פיער קלאססען: „אחד חכם, ואחד רשע, ואחד תם, ואחד שאינו יודע לשאול".

חכם מה הוא אומר, וואס זאגט דער חכם? דער חכם פרעגט: „מה העדות והחוקים והמשפטים אשר צוה ה' אלהינו אתכם?" וואס זיינען דאס עפיס פאר געזעטצע וואס גאט האט אייך געגעבען? ווי קען דען א גאט געבען אזעלכע געזעטצע, או די גאנצע מענשהייט זאלל ארויסגעשלעפט ווערען הארעוועדיג און קיום האבען מיט וואס די נשמה צו דערהאלטען, און א קליינע טהייל זאלל פון ניט אללעם אוועקנעהמען און פערשווענדען און אויסברייזגען, און לעבען און אים פון פערגניגען?

רשע מה הוא אומר, דער רשע, דער פאהאוט זאגט: „מה העבודה הזאת לכם", וואס איז פאר אייך די ארבייט, פאר וואס זאללט איהר טאקי ניט ארבייטען? א מענש מוז דאך ארבייטען, א מענש איז דאך בעשאפען צום ארבייטען! „ארבייט מאכט דאס לעבען זיס!" ארבייט, ארבייט, קינדערלעך! „לכם ולא לו", נור אונז הייסט ער ארבייטען און פערשווארצט ווערען,



נור אונז, און ער אליין שטעקט א פינגער אין קאלטע וואססער ניט אריין און לעבט פון אונזערע פראצע! און ווייל ער נעהמט זיך ארויס פון כלל איז ער א „כופר בעיקר", נעמ ליקענט ער די פונ־דאמענטאלע וואהרהייט, אז אללע מענשען זיינען גלייך געבארען, ער גלויבט ניט אין די בעפרייאונג פון די מענשהייט; דעריבער האבען מיר מיט איהם ניט וואס צו מאכען. „ואף אתה הקהה את שיניו" איהם זאללסטו נור אויסזעצען די ציינער און זאגען: געדענק, דאס מיר האבען זיך שוין א מאל בעפרייט פון דעם שקלאפען־הויז, פון מצ־רים, און מיר וועלען זיך נאך פון דעם היינטיגען יאך אויך געווים בעפרייען: מיר זאגן ניט ער, דען דיזע שקלאפען־וועלט איז אונז ווען אמת'ער פיינד; ער זאלל טאן די ערבייונג און וועט מוזען אונז נעדגעבען.

תם מה הוא אומר, דער פראסטער איינפאלטיגער מענש פרעגט: „מה זאת?" וואס געהט דא פאר צווישען אייך? איבער וואס קריגט איהר זיך? וועגען וואס שטרייט איהר? ווארום זאללט איהר ניט אבמאכען אייער עסק אין גוטען מוטה? „ואמרת אליו", איהם זאללסטו ענטפערן: „בחזק יד", נור דורך געוואלט זיינען מיר בעפרייט געווארען פון מצרים, און נור דורך געוואלט וועלען מיר זיך אויך איצטער בעפרייען.

ושאינו יודע לשאול את פתח לו, ווען איינער וויים גאר ניט וואס צו פרעגען, איהם זאללסטו אללעין בקיצור דערציילען די גאנצע געשיכטע פון אונזער אמאליגע און היינטיגע קנעכטשאפט און זאללסט איהם אזוי זאגען:

מתחילה עובדי עבודה זרה היו אבותינו, שוין פון פריה אן האבען אונזערע עלטערן געארבייט פאר פרעמדע, פאר פריצים, גבירים, רבנים און אנדערע כלי־קודש. אבער דאס איז שוין גער־

ווען אגיף א העכערע ענטוויקלונגסשטופע. נאך פרוהער זיינען
די גאר געווען ווילדע, פלעגען זיך ארומשלעפען פשאדעסוויז, אונ־
בעהילפליך, אהן א שום געוועהר, נאכן אכהיינגיג פון נייער וואהנ־
ארט, אקוראט ווי ווילדע חיות און געיאגט פון ביטערן הונגער,
פלעגען זיי זיך שטענדיג הרג'ענען איין פטאדע מיט דער אנדערן
פאר צעהעם בוסה שפייז. דערבייו פלעגען שטארקערע די שוואכע
רע גאר פשוט אויפפרעסען. מיט דער צייט אבער, אז מען האט
דערפונען פערשידענע ווערקצייגע און געוועהר, אז מען געוואהען
א ביסל אונאבהענגינער פון ווארק־ארבט, ווייל מ'האט שוין געקאנט
מאכען זאפאסען פון שפייז און מען האט שוין נים בעדארפט יעדע
מינוט חאגה'ען פאר דעם מארגענען טאג. מלחמה צו האלטען
און הרג'ענען זיך האט מען אפילו דאמאלס אויך ניט אויסגעהערט,
אבער עס איז שוין געווען א גרויסער אונטערשיד צווישען פריהער
און איצט. פריהער האבען די געפאנגענע ניט געקאנט בריינגען
קיין שום נוטצען, ווייל יעדער האט מיט די גרעסטע מאטערנעס
זיך קוים אליין געקאנט דערהאלטען, ווי האבען געטייגט פאר די
בעזיגער אויף כפרות, אחוץ וואס מען האט זיי געקאנט אויפעסען
און די בעזיגער האבען טאקי ניט געמאכט קיין שהנות און האבען
די געפאנגענע טאקי אויפגעפרעסען; איצט אבער איז א
דאנק דעם, וואס יעדער איז געווען אין שטאנד מיט די הילף
פון די ווערקצייגע און געוועהר ניט נור זיך אליין צו דערה־
האלטען, נור אפילו מאכען זאפאסען, איז פאר די בעזיגער געווען
פועל מעהר וויגאבע אנשטאט די געפאנגענע אויפצופרעסען, זיי
בעסער מאכען פאר קנעכט, וועלכע מוזען זייערע הערען אלץ
אוועקגעבען וואס זיי הארעווען אויס.

עס איז אזוי ענטשטאנדען די שקלאווריי. אבער ביי דער
פערשקלאוואונג פון די געפאנגענע איז דאס ניט געבליבען. א דאנק
דער ווירטשאפטליכען ענטוויקלונג האבען א קלענערע טהייל מענ־
שען, וועלכע עס זיינען פריהער געווען צו פיהרען מלחמה, זיך גע־



שטעלט בראש, ביסלעכווייז ארייגעכאפט די מאכט אין זייערע
הענד און אונטערטאנט אללע איבריגע מענשען. אללע שקלאווע־
רייען, אללע אונטערדריקונגען וואס זיינען געווען פון דאמאלס אן
אויף דער גאנצער וועלט ביי אללע פעלקער, שטאמען נור פון די
עקאנאמישע פערהעלטעניססע. אבער א דאנק די וועלכע עקאנ־
נאמישע פערהעלטעניסען ציהט זיך אויך פון דער צייט אן דורך
די גאנצע געשיכטע הורך טויזענדע יאהרען א אונאויפהערליכע
מלחמה צווישען אונטערדריקער און די אונטערדריקטע, צווישען
די שקלאווען און די הערשער. די שקלאווען פלעגען אפילו אומ־
מער מנצח זיין, אבער דאס שרעקליכע אונגעהויערע די שקלאווע־
רען פלעגט יעדעס מאל נור אננעהמען אן אנדערע געשטאלט, א
ביסל א בעסערע ווי פריהער, אבער אים גרונדע איז זי געבליבען
דאס זעלבע טהייער. אזוי האט זיך די מענשען־פרעסעריי אומגע־
וואנדעלט אין שקלאווריי, האט אין פערלויף פון יאהרטויזענדע
אנגענומען אלץ נייע און נייע געשטאלטען, ביז עס האט זיך ארויס־
געבילדעט די היינטיגע, די קאפיטאליסטישע קנעכטשאפט, וואו
עס שיינט אז יעדער מענש קאנן האנדלען פריי, אין אבער אין
אמת'ן א שקלאווע, און עבד, פילייכט נאך מעהר ווי א מאל.

צא ולמד, נעהם און בעטראכט, וואס האבען געמאלט די
פערצייטיגע הערען פון זייערע קנעכט? זיי זאללען פאר זיי אקער־
ביטען און מאכען אלץ וואס זיי ברויכען. ווען אבער א מענש
ארבייט מוז ער עסען; נון פערשטעהט זיך, אז זיי פלעגען האבען
וואס צו עסען; אבער וואס זיי פלעגען אויסארבייטען מעהר ווי זיי
האבען געהאט נויטיג, פלעגען די הערען צונעהמען און פלעגען זיך
לעבען א גוטען טאג פון זייער (די קנעכטס) ביטטערע פראצע. די
הערען פלעגען זארגען, אז די שקלאווען זאללען ניט אויסשטארבען
פון הונגער און פון קעלט, ווארום ווען א שקלאווע שטארבט, האט
דער הערר היזק. פרעה האט גוזר געווען מעהר ניט, ווי אויך זכרים

ווי איז אבער איצטער? די גזירה אויף אונז אללעמען, אויף אונזערע ארבייטער וואס מוזען פערקויפען זיך זעלבסט, אונזערע פרויען, אונזערע קינדער פאר א הונגער־לוין צו די מייסטערס און דאנן איז אונזער לאגע נאך אונבעשטימטער און אונזיכערער אלס די לאגע פון די פארצייטיגע שקלאווען. מיר קאננען נור דאנן שטילען אונזער הונגער, ווענן די רייכע דינגען אונז צו ארבייטען פאר זיי. ענדיגט זיך אבער ביי זיי די ארבייט, דאנן קיממערן זיי זיך וועגען אונז ניט מעהר; פון זייערטוועגען מעגען מיר אללע קראפירען פון הונגער — וואס זיי האבען געדארפט, האבען מיר זיי געמאכט. מיר האבען געבויט הייזער און מיר ליגען אויפ'ן גאסס, מיר האבען שפייזען געשאפט און צוגעגרייט, און מיר זיינען הונגריג, מיר האבען קליידער פערפערטיגט און מיר זיינען „ערום ועריה", ארומגעריסען און ארומגעשליסען, נאקעט און בארוועס.

וירעו אותנו, אונזערע היינטיגע הערען האבען אונז בעהאנדעלט און בעהאנדלען אונז, אונטער דער מאסקע פון גלייכהייט און פרייהייט, וועלכע די „חיה רעה", די שקלאווערייי האט לפנים אנגענומען, פיעל ערגער אלס די פארצייטיגע הערען: והיה כי תקראנה מלחמה, קומט פאר א מלחמה, שיקט מען אונז געהרג'עט צו ווערען: בעדארף מען האבען געלד, זיינען דערזיף געמאכט „שרי מסים" וואס רייסען פון אונז ציגזען, טאקסעס, פאדאטקעס, קאראבקעס: ברייכען אונזערע הערען פעסטונגען, מאגאזינען, פאלאצען — מיר בויען די „ערי מסכנות. ויתנו עלינו עבודה קשה. אך, די עבודה קשה, די עבודה קשה! האבען מיר דען נאך א טראפען בלוט, וואס זאלל ניט זיין פערגיפטעט, נאך א גליעד, וואס זאלל ניט זיין אבגעשוואכט און אבגעשטומפפט פון דיזע שווערע לייב־און־זעלעטוידטענדע אוננאטירליכע צוואנגס־ארבייט?!

ונצעק אל ה', ביז אהער האבען מיר געשריען צו גאט, איז



אונז אבער דערפון בעססער געווארען? — אין אונזער אונגליק לייכטער געווארען? מיר שרייען נור, מיר זיפצען פון דער ארבייט, האט ווער דערהערט אונזער שטיממע? האט איינער דערזעהען, „את עניינו ואת עמלינו ואת לחצינו"? „את ענינו" — דאס ווייס יעדער פון אונז — פשוט, דאס קוועלען זיך פאר די שטיקעל חוונה; „ואת עמלינו" — אלו הבנים, אונזערע ארימע אומגליקליכע קינדער; ווי האבען נאך אויף דער וועלט קיינע גליקליכע שטונדע, ניט גענאסען, און מיר זעהען ווי שוין אלס שקלאווען פון דער פריהער יוגענד! „ואת לחצינו" — זה הדחק, די שרעקליכע, אונערטרעגליכע אונטערדריקונג, און וויגל קוינער הערט אונז ניט און קיינער העלפט אונז ניט, דארפען מיר זיך אויף קיינעם ניט פערלאזען. מיר ווערען ניט געהאלפען ווערען „לא על ידי מלאך ולא על ידי שרף", אונזער בעפרייהונג איז אין אונז אלליין. מיר וועלען זיך אלליין העלפען — ולא השליח, מיר אלליין — ולא אחר! — ביד החזקה, ובזרוע נטויה, ובמורא גדול, ובאותות ובמופתים!

ביד חזקה, כמה שנאמר, ווי עס שטעהט געשריבען ביי אונזער דיכטער:

„ווענן דיין שטארקער ארעם וויללל
שטעהען אללע רעדער שטילל"

ובזרוע נטויה, כמה שנאמר, ווי אונזערע העלדישע „פאריזער קעמפפער האבען אונז צוגערופען:

„האלט הויך מיט אויסגעשטרעקטע הענד אונזער הויטע פאהן פון סאציאליזמוס"!

ובמורא גדול — א מורא וועט אנפאללען אויף די קאפיטאליסטען, אז זיי וועלען דערזעהען ווי די ארבייטער־ארגאניזירען זיך צום קאמפף פאר זייער בעפרייהונג.

**ובאותות**—זה המטה, ארבייטער נעהמט דעם שטעקען!

**ובמופתים**—זה הדם!.. אונשולדיגעס בלוט פון טויזענדער ארבייטער, וואס ווערען צוקוועטשט אין די מאשינעס, דערהרג'עט ביי דער ארבייט, שרייט צו די ארבייטער וועגען נקמה.

**דם ואש ותימרות עשן!**
הערה־גאטט־טייפעל־קרייץ־מיליאנען־האגעל־דונערוועטער!
מיר זאללען דאך א מאל בעפרייט ווערען!

און וועגן מיר וועלען דאס האבען געטהאן, וועלען מיר אנפאנגען צו פוהלען, אז מיר זיינען אויך מענשען, און מיר וועלען לעבען און ארבייטען ווי פרייע מענשען, דער מענשליכער פערשטאנד וועט איממער גובר זיין די נידריגע, טהיערישע תאוות, און מיר וועלען זינגען א נייע, א פרייליכע ליעד, און די קאפיטאליסטישע „חיה רעה" וועלען מיר ברייגנען פאר א קרבן לכפר על כל עונותינו.

(עד כאן אומרים בשבת הגדול)

**רצה, משא ומרור.**
מארד, לײדען און ביטערניס.

**רצה, שהיו אבותינו אוכלים איש את רעהו**, ער זאגט אז וואס אונזערע אבות אבותינו האבען פון אייביג אן געגעסען איינעם דעם אנדערן, האבען ביטער געקעמפפט און זיך געריסען צוליעב חיונה, צוליעב פאלשע דעות, צוליעב פוסטע זאכען, און האבען געמארדעט און פערגאססען בלוט ימים-ווייז; מוזען מיר אויך טהאן, און די וועלט וועט ניט אנדערש ווערען: פארצייטען! זיינען געוועזען די ווענינע די הערשער איבער די פועלע, איין דעספאט האט געהאלטען פעלקער אונטער זיינע פיס, און אזוי וועט עס איממער בלייבען, ויקוד העם וישתחוו, דאס פ א ל ק וועט זיך איממער



בייגען און דרייען און בוקען.

**משא, זו שאנו אוכלים איש את רעהו**, און דעריבער, זאגט ער, מוז דאס פאלק איצטער אויך ליידען, ווענן מיר עססען איינער דעם אנדערן, ווייל אנדערש קאנן דאס ניט זיין, שנאמר, ווייל אזוי איז עס געזאגט, אז ווענן מען רייסט ניט און ווענן מען צופט ניט האט מען ניט, ולא יכלו להתמהמה, און מען טאר ניט מאכען צו פיעל שהיות, וגם צדה לא עשו להם, אז ניט האט מען ניט וואס צו עססען.

**מרור זה שאנו אוכלים** —על שום מה? און דאס ביטערע ניט וואס מיר נעהמען איין איידער מיר ווערען אויפגעפרעססען, ווייסט איהר צוליעב וואס דאס איז? צוליעב דאס וואס מיר מוזען דורכפיהרען איבערמענשליכע ארבייט, את כל עבודתם אשר עבדו בהם—בפרך, אללע ארבייט וואס דאס פאלק מאכט, איז אליין אונמענשליך, צו פיעל אויף א מאל, און אזא ארבייט שוואכט אב דעם קערפער מיט דעם גייסט צוזאמען,

**בכל דור ודור** אין יעדען דור זיינען געוועזען קלוגע און עהרליכע מענשען, וואס האבען דאס אללעס געזעהען און פערשטאנען, און האבען דערקלערט, אז חיב אדם לראות את עצמו כאלו הוא, יעדער מענש מוז זיך אלליין בעטראכטען דאס ער איז „ער", דאס ער איז א פערזאן, א מענש ווי יעדער אנדערער, מיט אללע רעכטע אויף די געניססע פון לעבען ווי יעדער אנדערער, און איז געבארען פון דער נאטור פריי צו לעבען און צו געניססען, און די פרייהייט טאר קיינער פון איהם ניט אוועקרייבען. וואס א דור וויטער, ווערט דער דאזיגער הייליגער געדאנק (געלויבט איז ער) אליץ שטארקער און בריטער. און מיר האפפען איצטער אז ער וועט אונז פיהרען לתת לנו את הארץ אשר נשבע לאבותינו, אז

ער וועט אונז געבען די וועלט, וועלכע ער האט שוין אונזערע על־טערן פארגעשפיעגעלט, ער וועט אונז ערלויזען און געבען משיח־צייטען.

(הענק צו דן „משא" מיט די „סרוך" וועגן דו טראכסט פון דער צוקונפט און זאג:)

לפיכך אנחנו חיבים, דעריבער זיינען מיר מחויב צו בעד־שפרעכען, צו דערקלערן, צו פענאנדערלייגען, צו פערברייטען דעם גרויסען מענשליכען געדאנק פון פרייהייט און פון גלייכהייט, און פון דעם אללגעמיינעם רעכט צו לעבען און צו געניסען, וויל נור ער אלליין איז אימשטאנדע אונז ארויסצוציהען מעבדות לחרות פון שקלאפעריי צו פרייהייט, מיגון לשמחה, פון טרויער צו פרייד־דע, ומאבל ליום טוב, פון יאמער צו גוטע טעג, ומאפילה לאור גדול, פון פונסטערניס צו א גרויסען ליכט, ומשעבוד לגאולה, פון אונטערגעהארפענהייט צו זעלבסטשטענדיגקייט, ונאמר לפניו שירה חדשה, און מיר וועלען איהם זינגען א נייעס ליעד, איין העררליכעס ליעד—הללויה!

הללויה! — לויבט איהם, איהר עהרליכע לייטע, פערעהרט זיין נאמען „פרייהייט"! דער נאמען זאלל געבענטשט זיין פון איצט ביז אין די עוויגקייט! פון מזרח ביז מערוב זאלל גע־רוהמט ווערען דער נאמען „פרייהייט"! — איבער אללע פעלקער האט זי זיך אויפגעהויבען, ביז צום הימעל האט זי דערגרייכט. זי האט דערגרייכט דעם הימעל און צוטריבען די געטער, האט זיך אראבגעלאזט אויף דער ערד און צובראכען די קייטען! זי הויבט אויף דעם עלענדען פון שטויב, דעם ארימען פון שמוטץ רייססט זי ארויס! און שטעלט זיי גלייך מיט די איידעלע, מיט די ערשטע פון נאציאן. — די הויז־פרוי, די מוטער, די שקלאפען, ועצט זי גלייך מיט די זיהן, זי בעניסט מענשליכע גליק און פרייט זיך—הללויה!



בצאת העם ממצרים, ווענן א פאלק חאפט זיך ארויס פון דער עגנשאפט און קעמפפט פאר זיינע בעפרייהונג, ווענן זיין רעכט איז זיין הייליגטהום, און איין מענשליכעם בעוואוסטזיין בעה־הערשט איהם—דאנן ברויזט עס אויף ווי דער ים, ווי ווילדע פלוט־הען צוגיעסט זיך דאס! בערג שפרינגען פאר אימה, וואלען ווערען איינגעזונקען. וואס ברויזט דו דען ים? וואס צוגיעסט איהר זיך ווילדע פלוטהען? וואס שפרינגט איהר בערג, און ווארום פערזינקט איהר שטארקע וואללען? פאר דעם הערהשער פון דער וועלט, פאר די שטארקע מאכט פון פאלק, וואס ווירקט און שאפט און צווובערט און בויט פאלאסטען פון שטיינער, און פון דער ערד ציהט ער ברויט!

ברוך אתה, געלויבט בזט דו הייליגער דעיוף וועלכער האט קיינמאל ניט אויפגעהערט צו וועקען דעם מענשען, ער זאלל זיך אויפחאפען און אראבווארפען פון זיך די קייטען פון שאנדע, פון ליידען און ערנידריגונג, און וועלכער וועט אונז ענדליך ברייגגען למועדים ולרגלים הבאים לקראתנו לשלום, צו גוטע און פרייליכע צייטען, און מיר וועלען איהם דאנקען על גאולתנו ועל פדות נפשנו, פאר אונזערע קערפערליכע און גייסטיגע ערלויזונג. ברוך אתה, געלויבט ביסטו, ערלעזער פון דער מענשהייט!

שפוך חמתך, גיעס אראב דיין ווארעמקייט אויף די פעל־קער, וואס קאננען דיך נאך ניט, און אויף די נאציאנען, וואס האבען דיין נאמען ניט גערופען. ווי פרעססען זיך איינער דעם אנ־דערן און פערוויסטען זיך איינער אלליין. גיעס אראב אויף זיי דיין ליכט, און דיין שטראהל זאלל זיי ערלייכטען. פערטרייב די פינס־טערניס און ראט אויס די קנעכטשאפט פון אונטער זיי!

לא לנו, לא לנו, ניט פאר אונז זיינען אזעלכע געדאנקען! אזוי

זאגט א געוויסע קלאססע: מיר האבען א גאט אין הימעל און ער טהוט וואס ער וויל. ער היכטעט איין די וועלט, און נאך זיין איינריכטונג מוזען מיר לעבען. עצביהם כסף וזהב מעשה ידי אדם — זייערע געטצען זיינען אבער גאלד און זילבער, געשאפען פון מענ־שליכע הענד. דיזע לייטע האבען אויגען און זעהען ניט, ווי דער אלטאר ווערט אונטערגעבראכען אונטער זייערע אבגעטער, ווי האבען אויערן און הערען ניט, ווי דער שטורם בלאזט, האבען מו־חות און בעגרייפען ניט דאס די געטער מוזען פאללען, ווי אללע פריערדיגע געמאכטע געטער, און צוזאממען מיט זיי וועלען אויך פאללען אללע וואס פערטרויען אויף זיי — אללע, פאר וועמען גאלד איז די איינציגע הילף און שוטץ.

מן המיצר פון דער ענגשאפט, פון דער אונטערדריקונג הויבען זיך פעלקער אויף, זיי קעמפפען און זעהען פריי; זינגען זיי נור איינינג: דאנן האבען זיי קיין מורא ניט, וואס קאנן זיי וועה טהאן? ווענן זיי העלפען זיך אליין, דאנן ציטטערן דעספאטען! עס איז בעסער צו פערלאזען זיך אויף זיך אלליין, אלס צו פערלאזען זיך אויף דעמאגאגען. עס איז בעסער צו שטיצען זיך אלליין, אלס צו פערלאזען זיך אויף אריסטאקראטען: דאס לערנען יעצט די פעלקער און זיי קעמפפען פאר פרייהייט, זייער שוטץ און זייער פעסטונג. זייער מעכטיגער ארעם איז הויך געהויבען, דער ארעם פון פעלקער טהוט וואונדער. מיר וויללען ניט שטארבען, מיר וויללען לעבען און געניסען פון אונזער ארבייט! עפענט אונז שנעל די טויערן פון גליק, לאמיר אויך דארט א מאל פערווייל(ע)ן! מיר זיינען גענוג געפייניגט געווארען, עס מוז ענדליך אויך קוממען די רעטונג!

ארבייטער, אויפגעוואכט! ארבייטער, אויפגעוואכט!
פראלעטאריער, פארווערטס! פראלעטאריער, פארווערטס!



ברוך הבא, ווילקאמען זייט יעדער, אים נאמען דער בע־פרייאונג, ווער עס גיט א האנד צו דער גוטע זאכע.

געהט מיט דעם פארטשריט, ער איז גוט
זיין ווירקונג דויערט אייביג.
ער בעווייזט גאר זעלטענע וואונדער
זיין ווירקונג דויערט אייביג.
ער ברינגט ליכט אין דער פינסטערניס
זיין ווירקונג דויערט אייביג.
ער צוברעכט די איזערנע גראטעס
זיין ווירקונג דויערט אייביג.
ער צושמעטערט די דעספאטען
זיין ווירקונג דויערט אייביג.
און בעפרייט פון זיי די לענדער
זיין ווירקונג דויערט אייביג.
און פערטהיילט דאס לאנד צו פעלקער
זיין ווירקונג דויערט אייביג.
צו פעלקער וואס האבען לאנג געליטען
זיין ווירקונג דויערט אייביג.
און גיט נאהרונג צו אללעמען גלייך
זיין ווירקונג דויערט אייביג.

לויבט דעם ערלעזער, דעם פארטשריט,
זיין ווירקונג דויערט אייביג.

נשמת כל חי ורוח כל בשר, דו ביזט די זעלע פון אללעס וואס לעבט, דער הויך פון אללע לייבער! דורך דיר האלט זיך אללעס אין שטענדיגער ענטוויקלונג, אין פארטוועהרענדער ענדע־רונג, און אייביגען גאנג אויף דעם וועג צו דער פאלקאמענהייט. דו האסט קיין אנפאנג און האסט קיין ענדע, דו בעהערשט די

נאטור, די וועלט נעהט נאך היינט געזעצען, און אללע בראים געהען פארווערטס נאך דיר! דו ביזט אימעה האט און העדסט קיין מאל ניט אויף! דו וועקסט אויף פון שלאף טוידטע אטאמען, שטעלסט זיי צוזאממען צו לעבעדיגע מאשינען, דו לאזט זיי וואקסען און געהייהען, און נאכהער זיך ווידער אויפלעזען צו אונזיכט־בארע אטאמען אין דער וועלט־אלל! ווען אונזער מונד וואלל האט בען אזוי פיעל רייך, ווי דער גרויסער ים וואססער, און אונזער צונג ווערטער, ווי דער ים סוואליעס, און ווענן אונזערע אויגען ואלטען אללעם בעזעהען, ווי די זונן און די לבנה, וואלטען מיר אויך ניט בעוויזען אויסצורעכענען איין מיליאנדטהייל פון די אללע פעהשיהענע פארמען פון ענהערונג און ענטוויקלונג, וועלכע דו, אללמעכטיגער פארטשריט, ברייננסט הערפאר! דאס זאגען אללע גלידער און אונזער קעהפער, דאס זאגט די פערנונפט פון אונזער מוח, און די צונג ביי אונז אין מויל. און דו ביזט עס, גרויסער פארטשריט, וועלכער האט דעם מענשען ארויפגעפיהרט אויף דעם ריכטיגען געדאנק, דאס די מענשהייט דארף זיך ניט נעגענווייטיג בעקעמפפען און פערצעהרען, זאנדערן מיט פעראייניגטע קרעפטען זוכען איהר גליק אין די רייכע אוצרות פון דער נאטור. מציל עני מחזק ממנו, ועני ואביון מגוזלו, דו רעטעסט דעם שוואכען פון די קלויען פון דעם שטארקען און דעם פראלעטאריאט פון קאפיטאל, וועלכער בעראבעוועט איהם!

**ובכן ויהי בחשכת לילה**

(די רעוואלוציאנערע ווירקונג האט ניט אויפגעהערט אין דער פינסטערסטער נאכט)

**אז רוב נסים הפלאת בלילה**, פיעל וואונדער האסטו בעוויזען, גרויסער פארטשריט, דורך די פינסטערע נעכט. דורך די נאכט פון תהו ובהו האסטו ארויסגעצויבערט א וועלט, דורך די נאכט וועלכע האט געהערשט אין קאפף פון דעם אור־מענשען



האסטו ארויסגעצויבערט פערנונפט און ליכט, דורך דער נאכט פון אלטערטהום האסטו הערפארגעבראכט ציוויליזאציאן און וויסענשאפט, דורך די נעכט פון קנעכטשאפט האסטו הערפארגערופען די רעטערין, די רעוואלוציאן! קרב יום אשר הוא לא יום ולא לילה, עס נעהערט זיך איצטער אויף א טאג, א שרעקליכער טאג, אין וועלכען טאג מיט נאכט וועלען קעמפפען פירכטערליך, און פון דער איצטיגער קאפיטאליסטישער שקלאפעריי וועט דער אונערמידליכער פארטשריט בעשאפען די פרייהייט פון די ארבייטענדע מאססען!

**ובכן ואמרתם שבת הצה**

(און אזוי וועט מען זאגען, אז דער געגענווייטיגער מענשענמארד האט אויפגעהערט)

**אומץ גבורותיו** זיינע איבערמאכט וועט דאס פאלק אויסשפרייטען איבער אללעס, וואס מאכט דעם לעבען ווערטה צו לעבען.

**כי לו נאה, כי לו יאה,**

ווייל פאר איהם פאסט עס, איהם געהערט עס,

**אדיר במלוכה**, מעכטיג אין דער פערוואלטונג פון אללגעמיינעם וואהל, בחור כהלכה, געוועהלט ווי עס געהערט צו זיין, דורך דעם אללגעמיינעם וויללען פון פאלק, וועלען די ריכטיגע פערטרעטער פון פאלק רעגולירען אללע געשעפטען פון דעם פאלק, גדודיו יאמרו לו, די גרויסע מאססען וועלען זאגען צו דיזער פערוואלטונג: לך כי לך, לך אף לך, לך הממשלה, כי לו נאה כי לו יאה!„ דעם פאלק געהערט עס, פיר דאס פאלק פאסט עס!

## אחד מי יודע.

**איינס ווער ווייס?** איינס ווייס איך: איין מענשהייט איז דא אויף דער וועלט.

**צוויי ווער ווייס?** צוויי ווייס איך: אויף צוויי טהיילען איז די מענשהייט געטהיילט, ארעם און רייך.

**דריי ווער ווייס?** דריי ווייס איך: כריסטליכע דריי־איינינגקייט פערפינסטערט די וועלט.

**פיער ווער ווייס?** פיער ווייס איך: די פיער יסודות בעהערשט די ארבייט.

**פינף ווער ווייס?** פינף ווייס איך: אללע פינף וועלט־טהיילען קאנטראלירט דאס קאפיטאל.

**זעקס ווער ווייס?** זעקס ווייס איך: זעקס טעג אין וואך ווערט אן ארבייטער פערשווארצט.

**זיבען ווער ווייס?** זיבען ווייס איך: זיבען טעג יום־טוב אין וואך צעהלט דער גביר.

**אכט ווער ווייס?** אכט ווייס איך: פון אכט טעג א אינגעלע לוידט שוין פון רעליגיאן.

**נוין ווער ווייס?** נוין ווייס איך: נוין מאנאט אום צו ארבייטען דריי מאנאט ביזן טוידט.



**צעהן ווער ווייס?** צעהן ווייס איך: פון צעהן געבאט איז געווארען א תרי״ג.

**עלף ווער ווייס?** עלף ווייס איך: עלף ברידער־הענדלער קאנען נור רבנים און בטלנים פערגלייכען מיט עלף שטערען.

**צוועלף ווער ווייס?** צוועלף ווייס איך: צוועלף לעכער איז דא אין א טוץ בייגעל, און דאס איז כנגד די צוועלף שבטים.

**דרייצעהן ווער ווייס?** דרייצעהן ווייס איך: אויף דרייצעהן טוזענד כפרות טויג די קאפיטאליסטישע סיסטעם!

## חד עובדיא.

חד עובדיא, חד עובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא חד עובדיא.

**ואתא** בטלן ואכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.

**ואתא** חנוני ואכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.

**ואתא** מלוה ובלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.

**ואתא** בנקירא ואכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.

**ואתא** בנקרוטא והכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע לחנוני דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.

**ואתא** קריזיסא ושרף לבנקרוטא, דהכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.

**ואתא** הריוולוציה הגדולה ושחטה לקריזיסא, דשרף לבנקרוטא, דהכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.



**ואתא** הסאציאליזמוס ברוך הוא ושחט לריוולוציה, דשחטה לקריזיסא, דשרף לבנקרוטא, דהכה לבנקירא, דאכל למלוה, דבלע לחנוני, דאכל לבטלן, דאכל לעובדיא, דזבין אבא־מסטרא בתרי זוזי—חד עובדיא, חד עובדיא.

### פירוש.

חד עובדיא—איין ארבייטער. דזבין—וועלכען האט געקויפט אבא־מסטרא—מיין טאטע דער מייסטער בתרי זוזי—פאר צוויי גילדען. וואתא—איז געקומען. בטלן—א ליידיג־געהער. חנוני—א קרעמער.—די איבריגע וועט יעדער בעל שכל אליין פערשטעהן; און ווער עס וועט ניט פערשטעהן, וועט איהם קיין פירוש ניט העלפען. ובכן ובא לעולם גואל במהרה בימינו אמן!

# אויסגאבען

פון

„אללגעמיינעם אידישען ארבייטער בונד אין רוססלאנד און פוילען":

פרייז אין סאנטים.

20

1) דער סטרייק פון שקר. —

2) דער צירקוליאר פון מיניסטער דעם אינגערען. —

3) א באשיורע צום ערשטען מאי —

4) מאניפעסט פון רוסס. סאצ.-דעמ. ארבייטערפארטיי.

5) „דער אידישער בערשטער ארב. בונד אין פוילען און ליטע".

6) די מערץ רעוואלוציאן אין דייטשלאנד.

7) די מלחמה פון דער „פ. ס. פ." געגען דעם אל"איד"אר"בונד 40

20 אין רוססלאנד און פוילען.

30 8) דער עיקר פון קאנסטיטוציע פון לאססאל.

9) דער ארבייטסטאג — 2-טע אויפלאגע.

30 10) ווי האבען די בעלגישע ארבייטער געשטריטען פאר פרייהייט.

20

40 11) פארץ זונאויפגאנג.

20 12) א מעשה פון פיער ברידער.

13) ציוניזמוס אדער סאציאליזמוס ?

14) דאס מאניפעסט פון די קאמוניסטישע פארטיי פון

60 **קארל מארקס און פריעדריך ענגעלס.**

40 15) וואס יעדער ארבייטער דארף וויסען און געדיינקען.

70 16) וואס וויללען די סאציאלדעמאקראטען אין רוססלאנד ?

40 17) די שבירות (צווייטע אויפלאגע).

20 18) הגדה של פסח (על פי נוסח חדש).

בוכהענדלער בעקומען אויף 30 פראצענט ביליגער.

---

די אדרעססע פון דעם „אידישען ארבייטער" און פון דעם אויסלענדישען קאמיטעט פון „בונד":

Mr. Rabkine
Chemin des Pervenches, maison Hengel
Genève — Suisse